בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אֵייבִּיג בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי זֶענֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן גֶעגַאנְגֶען אִין דֶערְפְלֶעךְ אוּן אִין שְׁטֶעטְלֶעךְ, יֶעדְן טָאג אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, אוּן יֶעדֶע נַאכְט גֶענֶעכְטִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, מֶערְסְטְנְס הָאבְּן זֵיי גֶענֶעכְטִיגְט אִין קְרֶעטְשְׁמֶעס אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, זֵייעֶר עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייְזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, יֶעצְט הֶערְט אַייךְ גוּט צוּ, וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בַּאלֶערְנְדֶע מַעֲשֶׂה:

שַׁא ... שְׁטִיל ... עֶס אִיז אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, דִי צְוֵויי בְּרִידֶער שְׁלָאפְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דָארְט אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צִימֶער שִׁיכּוֹרֶ'ע גוֹיִם, זֵיי זוּכְן מִיט וֶועם זֵיי קֶענֶען זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטְן, אִינְמִיטְן בַּאמֶערְקְן זֵיי צְוֵויי אִידְן שְׁלָאפְן, זֵיי כַאפְּן אָן אֵיינֶעם אוּן זֵיי שְׁלֶעפְּן אִים אַרוֹיס פוּן בֶּעט, אוּן זֵיי הֵייסְן אִים טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע.

"זוּשָׁא ... זוּשָׁא ... דָאס בִּין אִיךְ, דַיין בְּרוּדֶער מֵיילְךְ ... זוּשָׁא שְׁטֵיי אוֹיף, טוּ מִיר אַ טוֹבָה, דִי גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מִיר, זֵיי דְזֶענֶען שִׁיכּוֹר, זֵיי לָאזְן מִיךְ נִישְׁט שְׁלָאפְן, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט שְׁלֶעפְּן זֵיי מִיךְ אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן זֵיי הֵייסְן מִיר אִיךְ זָאל טַאנְצְן פַאר זֵיי אַ קַאדַאטְשְׁקֶע, זוּשָׁא ... אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ זִיךְ טוֹישְׁן בֶּעטְן מִיט מִיר? אַזוֹי

וֶועל אִיךְ קֶענֶען שְׁלָאפְן אַבִּיסְל אוּן דוּ וֶועסְט
אַבִּיסְל טַאנְצְן?"

"זִיכֶער מֵיילְךְ, אִיךְ גִיס זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אִיךְ גֵיי אִין דַיין בֶּעט אוּן דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין מַיין בֶּעט", אוּן רֶבִּי זוּשָׁא אִיז אַרַיין אִין רֶבִּי מֵיילְךְ'ס בֶּעט אוּן רֶבִּי מֵיילְךְ אִיז אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי זוּשָׁא'ס בֶּעט אוּן זֵיי שְׁלָאפְן אַיין, אוּן וואוּנְדֶער פַּאסִירְט, דִי גוֹיִם זָאגְן: "יֶעצְט וֶועלְן מִיר גֵיין צוּם אַנְדֶערְן אִיד, דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין צוּפִיל מָאל גֶעטַאנְצְן, יֶעצְט וֶועלְן מִיר זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער", זֵיי שְׁלֶעפְּן אִים אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן זֵיי הֵייסְן אִים טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס וואלְטְן מִיר גֶעזָאגְט וֶוען דָאס פַּאסִירְט מִיט אוּנְז? וֶוער קֶען טְרַאכְטְן? וָואס וואלְט עֶר גֶעטוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זָאגְט פַּאר זַיין הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער: "זוּשָׁא, אַז מֶען הֵייסְט פוּן הִימְל טַאנְצְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן, אוּן אַז מֶען בַּייט זִיךְ דִי בֶּעטְן, וֶועלְן זֵיי גֵיין צוּם אַנְדֶערְן בֶּעט ... "



מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים לֶעבְּן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט זֵיי וֵוייסְן זֵיי אַז דָאס אִין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי בְּלַייבְּן אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מֶען מוּטְשֶׁעט זֵיי מִיט וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זֵיי.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען: "אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק".

**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ
יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1